# 4. בעבעלע

ס'אַ מאָל געווען אַ פּאָר־פֿאָלק, האָבן זיי ניט געהאַט קיין קינדער, פֿלעגן זיי אַלע מאָל גיין אַפֿן בית־עולם בעטן בײַ גאָט, ער זאָל זיי שענקען אַ קינד. איין נאַכט, ווי זיי שטייען אַזוי אַפֿן בית־עולם און בעטן, איז אַראָפּגעפֿלויגן אַ מלאך פֿון הימל און זאָגט צו זיי: „גאָט האָט אײַער געבעט פֿאַרנומען. וואָס ווילט איר בעסער: צי אַ זון, וואָס זאָל זײַן אַזוי גרויס ווי אַ בעבעלע? צי אַ טאָכטער, וואָס אַז זי וועט אַלט ווערן דרײַצן יאָר, וועט זי זיך שמדן?" זאָגן זיי: „בעסער אַ זון כאָטש אַזוי גרויס ווי אַ בעבעלע". איז אַוועק אַ יאָר, האָבן זיי געהאַט אַ זון, טאַקע אַזוי גרויס ווי אַ בעבעלע. גרעסער איז ער שוין מער קיין מאָל ניט געוואַקסן, דערפֿאַר האָבן אים אַלע גערופֿן בעבעלע.

איין מאָל האָט די מאַמע אָפּגעקאָכט אָנבײַסן, האָט זי דאָס אַרײַנגעגאָסן אין אַ ליימענעם מאַקעטער* און האָט געגעבן בעבעלען, ער זאָל עס אַוועקטראָגן צום טאַטן אַפֿן מאַרק. האָט זיך בעבעלע דערפֿרייט, כאַפּט ער דעם גרויסן מאַקעטער אַפֿן קאָפּ און לויפֿט אַוועקטראָגן דעם טאַטן אָנבײַסן. לויפֿט ער, לויפֿט ער, לויפֿט ער, באַגעגנט ער אַפֿן וועג אַן אַלטן בעטלער. זאָגט דער בעטלער צו אים: „שוין דרײַ טעג אין מײַן מויל קיין ביסן ניט געהאַט". האָט בעבעלע אַף אים רחמנות געקראָגן, נעמט ער און גיט אים אַוועק דעם טאַטנס אָנבײַסן. האָט אים דער בעטלער אָנגעדאַנקט אַ פֿולע היטל: „אַ געזונט אין דײַנע ביינדעלעך, אַ ברכה און הצלחה אַף דײַן קעפּעלע, וואָס פֿאַר אַ גוטינקער יינגעלע דו ביסט!" אַז דער בעטלער האָט אָפּגעגעסן, האָט

* אַ קוגלטאָפּ.

בעבעלע זיך אָנגעטאָן דעם ליידיקן מאַקעטער אַפֿן קאָפּ און גע־לאָפֿן ווײַטער. לויפֿט ער, לויפֿט ער, לויפֿט ער, באַגעגנט ער אַפֿן וועג אַ שײַקע גנבֿים. פֿרעגן אים די גנבֿים: „אַווו לויפֿסטו?“ זאָגט ער: „כ'לויף זאָגן דעם טאַטן, אַז כ'האָב אַוועקגעגעבן זײַן אָנבײַסן דעם אַלטן בעטלער“. – „אַזוי, אַזאַ גוטינקער ביסטו? זאָגן די גנבֿים, וועלן מיר דיר טאַקע אַרײַננעמען צו אונדז אין שײַקע, וועסטו גיין מיט אונדז גנבֿענען.“ האָט בעבעלע געוואָלט זאָגן: „גנבֿענען טאָר מען ניט“, נאָר ער האָט מורא געהאַט, טאָמער וועלן זיי אים הרגענען, האָט ער בעסער געזאָגט: „גוט, כ'וועל גיין מיט אײַך!“ זײַנען זיי געגאַנגען און געגאַנגען, ביז זיי זײַנען פֿאַרבײַגעגאַנגען אַ פֿאַרשלאָסענע שטאַל. און ווי נאָר די גנבֿים האָבן זיך אַף אַ ווײַלע פֿאַרקוקט, האָט בעבעלע געטאָן אַ שפּרונג צום לעכל פֿון שלאָס און – ניטאָ! האָבן די גנבֿים זיך פֿאַרוווּנדערט: „אַווו איז ער אַהינגעקומען, דער קליינינקער מענטשעלע? אָקערשט געווען, און שוין ניטאָ!“ האָבן זיי אים געזוכט און געזוכט און ניט געקאָנט געפֿינען. זײַנען זיי אַוועקגעגאַנגען. דערווײַלע האָט זיך בעבעלע פֿאַרקליבן אין שטאַל און האָט זיך באַהאַלטן אין אַ צעבער מיט צעבראָקטע בוריקעס. האָט אים די קו אופֿגעגעסן אין איינעם מיט די בוריקעס. אַז בעבעלע האָט דערזען, אַז בײַ דער קו אין בויך איז אַזוי פֿינצטער און אַרויסגיין פֿון בויך קאָן ער ניט – נו, נו, איז ער געוואָרן גוט אין כּעס און האָט זיך גענומען שילטן דער קו: „אַ כאָלערע אַף דיר! אַ ניכפּה אַף דיר!“

אַף מאָרגן אין דער פֿרי איז די דינסט געקומען אין שטאַל אויסצומעלקן די קו. און ווי נאָר זי האָט אָנגעהויבן צו מעלקן, הערט זי, מע שרײַט: „אַ כאָלערע אַף דיר! אַ ניכפּה אַף דיר!“ האָט זיך די דינסט זייער שטאַרק דערשראָקן, איז זי, ניט טויט ניט לעבעדיק, אַוועקגעלאָפֿן צו דער בעל־הביתטע: „בעל־הביתטע, די קו שילט זיך!“ זאָגט די בעל־הביתטע: „גיי, נאַרעלע, ס'קען ניט זײַן. כ'האָב נאָך קיין מאָל ניט געהערט, אַז אַ קו זאָל זיך שילטן.“

זאָגט די דינסט: „בעל־הביתטע, כ'האָב מורא!" — „אַז דו האָסט מורא, טאָ לייען קרישמע!"* זאָגט די בעל־הביתטע, און איז אַליין אַוועק אין שטאַל אויסמעלקן די קו. און ווי נאָר זי האָט אָנגעהויבן צו מעלקן, הערט זי, מע שרײַט: „אַ כאָלערע אַף דיר! אַ ניכפּה אַף דיר!" האָט זיך די בעל־הביתטע אויך זייער שטאַרק דערשראָקן, איז זי, ניט טויט ניט לעבעדיק, אַוועקגעלאָפֿן צום רבֿ און האָט אים דערציילט די גאַנצע מעשׂה. האָט דער רבֿ געהייסן קוילענען די קו און די קישקעס אירע אַרויסוואַרפֿן אַפֿן גאַס.

אַף מאָרגן אין דער פֿרי איז געקומען דער שוחט און האָט געקוילעט די קו. און ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן אופֿשנײַדן דעם בויך אַרויסצונעמען די קישקעס פֿון דער קו, הערט ער, מען שרײַט: „שנײַדט ניט פֿון בויך, שנײַדט פֿון זײַט! שנײַדט ניט פֿון בויך, שנײַדט פֿון זײַט!" האָט זיך דער שוחט אויך זייער שטאַרק דערשראָקן, האָט ער גענומען שנײַדן פֿון זײַט. און אַזוי האָט ער פּאַמעלעך אַרויסגענומען די קישקעס און אַרויסגעוואָרפֿן אַפֿן גאַס.

איז פֿאַרבײַגעגאַנגען אַ הונגעריקער בעטלער, זעט ער, עס ליגן עפּעס אַזוינע פֿרישע קישקעס, טראַכט ער זיך: „גאָט האָט מיר צוגעשיקט אַ כּשרע מציאה. כ'וועל נעמען די קישקעס אַהיים און מאַכן דערפֿון אַ טײַערן אָנבײַסן." נעמט ער און לייגט זיי אַרײַן צו זיך אין טאָרבע און נעמט די טאָרבע אַף דער פּלייצע און גייט און פֿרייט זיך. גייט ער אַזוי, גייט ער, פּלוצלינג דערפֿילט ער, עס שטעכט אים עפּעס אין פּלייצע. ווייס ער ניט, פֿון וואָס דאָס איז, מאַכט ער זיך ניט וויסנדיק און גייט ווײַטער. גייט ער אַזוי, גייט ער, עס שטעכט אים ווידער אין פּלייצע. טראַכט ער זיך: „וואָס קאָן דאָ זײַן? דאַכט זיך, קיין שפּילקעס אין טאָרבע האָב איך ניט, נאָר ווייכע קישקעס, הײַנט טאָ וואָס זשע קאָן דאָ שטעכן?" מאַכט ער זיך ווידער ניט וויסנדיק און גייט ווײַטער. אָבער וואָס ווײַטער ער איז געגאַנגען, אַלץ

---

* קריאת־שמע.

מערער האָט אים געשטאָכן, אַז ער האָט שוין מער ניט געקאָנט אויסהאַלטן. שטעלט ער זיך אָפּ און זאָגט צו זיך: „וואָס זאָל איך דאָ טאָן? זאָל איך אַרויסוואַרפֿן די קישקעס? איז דאָך אַן עבֿירה, און כ'וועל ניט האָבן אַף קיין אָנבײַסן. זאָל איך זיך אַרומטראָגן מיט זיי? וועל איך דאָך בלײַבן אָן אַ פֿלייצע, ס'אַ שלעכטער עסק!" איז ער געשטאַנען און געטראַכט און ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. אין מיטן דערינען דערהערט ער, מע שרײַט: „וואַרף זיי אַרויס! וואַרף זיי אַרויס!" האָט זיך דער בעטלער שטאַרק דערשראָקן, האָט ער גענומען און אַרויסגעוואָרפֿן די קישקעס אַפֿן גאַס. שטייט ער און קוקט, וואָס דאָ וועט זײַן. זעט ער, ווי עס קריכט פֿון זיי אַרויס אַ ייִנגעלע, ווי אַ בעבל די גרייס. האָט אים דער בעטלער גלײַך דערקענט. זאָגט ער צו אים: „ביסטו דאָס דער ייִנגעלע, וואָס האָט מיר אַנומלט אַוועקגעגעבן דעם טאַטנס אָנבײַסן?" זאָגט בעבעלע: „יע, איך בין דאָס!" „טאָ ווי קומסטו גאָר אַהער?" — פֿרעגט אים ווײַטער דער בעטלער. דערציילט אים בעבעלע די גאַנצע מעשׂה. מאַכט דער בעטלער: „טע, טע, טע, — וואָס אַף דער וועלט קאָן זיך אַלץ פֿאַרלויפֿן!" דערנאָך זאָגט ער: „און פֿאַר וואָס האָסטו מיר געשטאָכן אין פֿלייצע?" „ווײַל איך האָב מורא געהאַט, אַז דו וועסט מיך אופּעסן אַף אָנבײַסן", פֿאַרענטפֿערט זיך בעבעלע. מאַכט דער בעטלער: „טע, טע, טע, — וואָס אַף דער וועלט קאָן זיך אַלץ פֿאַרלויפֿן!" פֿרעגט אים דער בעטלער ווידער: „און אַהיים גיין ווילסטו?" זאָגט בעבעלע: „יע, כ'וויל גיין אַהיים". זײַנען זיי ביידע געגאַנגען אַהיים. און אַז דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן דערזען זייער בעבעלע, האָבן זיי ביידע געגעבן אַ געשריי: „בעבעלע! אַווו ביסטו געוועזן?" האָט זיי בעבעלע דערציילט די גאַנצע מעשׂה.

אַ הון מיט אַ האָן,
די מעשׂה הייבט זיך אָן;
אַ קאַץ מיט אַ מויז,
די מעשׂה לאָזט זיך אויס!